STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01495

PAVEL AKSELROD

Lazar Fogelman

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Lawrence Zivin
in memory of
Morris M. & Edna K. Zivin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פאָגעלמאַן

פּאַוועל אַקסעלראָד

זיין פּערזענלאכקייט, לעבן
און געזעלשאפטלאכע ארבעט

ISBN:0-657-01495-8
Old Call No.,96-228 v.

ארויסגעגעבן פון
פארלאג „וועקער“
פון אידישן סאָציאַליסטישן פארבאנד

דזשון, 1928

שאפט זיך א לייבּרערי
פון די בעסטע און נויטיגסטע אידישע ביכער

פארלאג „וועקער, 175 איסט בראדוויי, ניו־יארק.

1) ק. קאוטסקי —
די געשיכטע פון סאצ. געדאנק. 2 בענדער . $4.00

2) מ. הילקוויט —
די געשיכטע פון דער סאצ. באוועגונג אין
אמעריקא. 2 בענדער 3.50

3) ב. וויינשטיין —
40 יאהר אידישע ארבייטער־באוועגונג . . 1.25

4) א. ראזבורי —
געשיכטע פון ענגלישער ארבייטער־פארטיי . 1.25

5) ה. לאנג —
אויף אמעריקאנער וועגען 1.25

6) ח. קאנטאראוויטש —
געשיכטע פון אמעריקאנער ארבייטער־באַ־
וועגונג 1.25

7) יצחק אייזיק הורוויטש —
די געשיכטע פון אמעריקאנער דעמאקראטיע . 1.50

8) יהואש און ספיוואק —
העברעאיש־אידישער ווערטערבוך 2.50

9) י. אדלער —
לידער. 2 בענדער 2.25

10) קנוט האמסון —
די ברכה פון דער ערד. 2 בענדער 3.50

די צעהן ביכער באטרעפען אין באזונדערען פארקויף . $22.25

אויב איהר קויפט זיי אלע צוזאמען וועט אייך קאסטען $11.00

שרייבט אין פארלאג „וועקער".

ל. פאָגעלמאַן

פּאַוועל אַקסעלראָד

זיין פּערזענלאַכקייט, לעבן
און געזעלשאַפטלאַכע אַרבעט

ארויסגעגעבן פון

פאַרלאַג „וועקער“

פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

דזשון, 1928

393



פּאַוועל אַקסעלראָד
1928 — 1850

די קינדער - יאָרן

אין אַ פאַרוואָרפענעם רוסישן דערפל, לעבן דעם קליין שטעטל פּאָטשעפּ (אין טשערניגאָווער גובערניע), האָט מיט אַ יאָר אַכציק צוריק געוואוינט אַ שקלאָווער איד מיטן נאָמען ברוך אַקסעלראָד.

דער איד איז געווען אַ ביטערער קבצן און אַ גרויסער שלים־מזל. ער איז געווען אַ פּראָסטער איד, וועלכער האָט קוים גע־קענט אַביסל עברי, — ניט מער ווי דורכצוליייענען די באַקאַנטע תפילות פון סידור, ניט פאַרשטייענדיק אין זיי קיין וואָרט. זיין ווייב איז אויך געווען אַ פּראָסטע אידישע פרוי, וועלכע איז פונ־דעסטוועגן געשטאַנען פיל העכער פון איר מאַן.

ביידע האָבן זיי געלעבט אַן אָרימען, געמאַטערטן לעבן. זיי האָבן געהאַלטן אין דאָרף אַ שענק; אָבער מער ווי צרות האָבן זיי פון דעם שענק ניט געהאַט. אַלע „מאַנטיק און דאָנערשטיק“ פלעגן זיי האָבן צו טאָן מיט דעם פּריץ, ביי וועמען זיי האָבן דעם שענק געדונגען און וועמען זיי פלעגן ניט קענען צאָלן די דירה־געלט אין צייט. ניט איין מאָל פלעגט דער פּריץ ארויסוואַרפן דעם שענקער מיט זיין פאַמיליע אויפן גאַס צוזאַמען מיט זיינע „בעבעכעס“. דער אָרימער ברוך פלעגט ציטערן פאַרן פּריץ ווי פאַר פייער, און נאָך מער פלעגט ער ציטערן פאַר „נאַטשאַלסטוואָ“, פאַר דעם „סטאַנאָוואָי“, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט אָנפאָרן אין דאָרף. ווי דער שענקער פלעגט נאָר דערהערן, אַז דער „סטאַנאָוואָי“ פאָרט, פלעגט ער זיך ערגעץ פאַרשטעקן, ביז וואַנען די געפאַר פלעגט פאָריבער: ער האָט ניט געהאַט קיין פּאַספּאָרט, און דאריבער פלעגט ער אַזוי אויסמיידן די פּאָליציי. יעדע פּערזאָן מיט אַ „קאָקאַרדע“ אויפן היטל פלעגט אויף אים ארויפוואַרפן אַ שרעק. אין אַלעגמיין איז ער געווען אַ דערשלאָגענער פרומער איד, וועלכער האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז גאָט וועט אים אָפּצאָלן אויף יענער וועלט פאַר די אַלע צרות, וואָס ער ליידט אויף ד ע ר וועלט.

און צרות האָט ער געהאַט אָן אַ סוף. ווי יעדער קבצן, האָט ער געהאַט מער ווי אַ האַלב טוץ קינדער, פון וועלכע אייניקע זיינען אויסגעשטאָרבן. פאַרבליבן זיינען דריי זין און איין טאָכטער.

דער עלטערער זון איז דאָס געווען דער שפּעטער בארימט גע־וואָרענער פירער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי פּ אַ וו ע ל (פּסח) אַ ק ס ע ל ר אָ ד.

פּאַוועל אַקסעלראָד האָט געהאַט, ווי מיר זעען, זייער אַ טרויעריקע קינדהייט. דאָרט, אין דעם דאָרפישן שענקל, וואָס איז באַשטאַנען פון איין אַלגעמיינעם צימער, זיינען אַוועק זיינע ערשטע קינדער־יאָרן, אָן פרייד, אָן צערטלאַכקייט, אין ביטערער נויט און אין שטענדיקער שרעק פאַרן פּריץ, פאַר פּאָליציי און פאַר די פּויערים. קיין אידישע קינדער זיינען אין דאָרף ניט געווען, מיט קיין פּויערשע קינדער האָט מען ניט געטאָרט און ניט געקענט זיך שפּילן, און דער צוקונפטיקער פירער האָט זיך מיט זיינע ברידער און שוועסטער אַרומגעוואַלגערט אויף דעם שטויביקן וועג לעבן הויז.

די גליקלאַכסטע מאָמענטן אין זיינע קינדערשע יאָרן זיינען געווען בלויז דאַמאָלט, ווען דער טאַטע פלעגט אים נעמען אַמאָל צו אַ מנין אין שכנ'ישן דאָרף, אָדער ער פלעגט אים איבערלאָזן אויף אַ קורצער צייט בא זיינעם אַ פעטער, ווייל אין דערהיים פלעגט פּשוט ניט זיין וואָס צו עסן.

אין אַזאַ נויט און אומעט האָט דער אינגל אָפּגעלעבט בא 8 אָדער 9 יאָר. באַשטימט אָנצואווייזן די יאָרן איז אוממעגלאַך, ווייל עס איז אַפילו ניט קלאָר דאָס יאָר, ווען פּאַוועל אַקסעלראָד איז געבאָרן געוואָרן. זיינע קרובים דענקען, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1850; ער אַליין, לויט זיין אייגענעם חשבון, רעכנט, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אַ ביסל פריער, און אַזוי איז זיין עלטער ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן ביזן סוף פון זיין לעבן.

די ערשטע קינדער־יאָרן זיינען אַוועק אין וואַנדערן פון איין דאָרף צו אַ צווייטן; פלעגט מען זיי פאַרטרייבן פון איין דאָרף, פלעגן זיי אַוועק ערגעץ אין אַן אַנדער פלאַץ; אין אַ קורצער צייט אַרום פלעגט מען מוזן ווידער זוכן אַ נייעם אָרט, און אַזוי האָבן זיי ווי ציגיינער געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, ביז וואַנען די עלטערן האָבן באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין שקלאָוו (מאָהליעווער גובערניע).

מיט אַ הינקעדיקן פֿערדל, געקויפֿט ביי אַ ציגיינער, מיט אַ וואָגן, אָנגעלאָדן מיט די הויז־זאַכן, האָט זיך אין אַ הייסן טאָג דער אָרימער שענקער געשלעפּט צו פֿוס מיט זיין ווייב און קינדער איבער דעם שטויביקן וועג קיין שקלאָוו. זיי פֿלעגן נעכטיקן ערגעץ אין פֿעלד אָדער אין וואַלד און פֿאַרטרייבן דעם הונגער מיט וואָס עס פֿלעגט זיך מאַכן.

פֿאַוועל אַקסעלראָד איז דאַן קוים אַלט געווען אַ יאָר ניין, און פֿאַר אים איז די רייזע פֿון דאָרף אין שטעטל געווען די וויכטיקסטע פּאַסירונג אין זיינע קינדער־יאָרן און אויך דער שטאַרקסטער איינדרוק, וואָס האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זיין זכרון.

אין שקלאָוו האָט זיך אָנגעפֿאַנגען פֿאַר זיי אַ נייע סדרה מיט צרות. זיי האָבן זיך אין אָנפֿאַנג באַזעצט הינטערן שטאָט אין אַ הייזקע, וואָס האָט באַלאַנגט צו זיי בשותּפֿות מיט אַ צווייטער פֿאַמיליע. אינגיכן אָבער האָט די הייזקע אָפּגעברענט, און זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין שקלאָוו גופֿא. דאָ האָבן זיי געוואוינט אין אַ הכנסת־אורחים הויז, וואו עס פֿלעגן נעכטיקן אַלע אָרימע־לייט פֿון שטעטל, און די עלטערן זיינען דערגאַנגען צו דעם ערגסטן צושטאַנד, וואָס מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן. פֿלעגט זיך מאַכן דעם מאַן צו פֿאַרדינען ערגעץ אַ פּאָר קאָפּיקעס, איז געווען גוט, ווען ניט, פֿלעגט מען פּשוט גיין איבער די הייזער און בעטלען. שלאָפֿן פֿלעגט מען אויף דרערד אָדער אויף אַ בענקל אין אַן אַלגעמיינעם שמוציקן צימער, וואו עס פֿלעגן זיך וואַלגערן אין שמאַטעס אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע אָרימע־לייט, די היימלאָזע בעטלער. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט דער טאַטע ערגעץ פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף גאַנצע חדשים, זוכנדיק וועלכע ס'איז אַרבעט אין אַנדערע שטעטלאַך, און די מאַמע פֿלעגט בלייבן די איינציקע שפּייזערן. מיט דער צייט איז דעם טאַטן געלונגען צו ווערן אַ וועכטער אין דעם הויז, וואו זיי האָבן געוואוינט, און זיי האָבן דאַן געקראָגן אַ באַזונדער קאַמערל פֿאַר זיך. אָבער קיין לעבן פֿון דער „שטעלע“ האָט מען נאָך אַלץ ניט געקענט מאַכן.

אַזוי האָט זיך אָפּגעפּלאָגט דער יונגער פּסח זיינע קינדער־יאָרן. אינגיכן איז אין זיין לאַגע פֿאָרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג.

אַ גליקלאַכער „קרבן“

די אומערוואַרטעטע ענדערונג איז פּאַרגעקומען צוליב זיין אַרימקייט, און די ענדערונג האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זיין ווייטערדיקן לעבן.

אין די פופציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, דאָס הייסט מיט אַ יאָר 80 צוריק, האָט די רעגירונג אין רוסלאַנד אויפ־געעפנט אין דער אידישער געטאָ ספּעציעלע רוסישע שולן פאַר אידישע קינדער. די מערסטע לערער אין יענע שולן זיינען געווען אידן, און די שפּראַך, אויף וועלכער מען פלעגט לערנען, איז געווען רוסיש. די אידן פלעגן קוקן קרום אויף יענע שולן; זיי פלעגן מורא האָבן די קינדער זאָלן דאָרטן ניט ווערן חלילה קיין „גוים“, און זיי פלעגן מיט אַלע מיטלען זיך אַרויסדרייען פון שיקן אַהין זייערע קינ־דער צו לערנען. פון דער אַנדער זייט אָבער פלעגט דער פּאַרוואַלטער פון אַזאַ מין שולע (אַ קריסט) שטענדיק פאָדערן פון דער אידישער באַפעלקערונג מען זאָל צושטעלן פאַר דער שולע אַ געוויסע צאָל אידישע קינדער, און ער פלעגט אַרויפצווינגען זיין פאָדערונג מיט פאַרשידענע סטראַשונקעס און שטרענגע מיטלען.

די רייכערע אידן זיינען דאַמאָלסט געפאַלן אויף אַזאַ מין פּלאַן: כדי צו „ראַטעווען“ די נשמות פון די אייגענע קינדער פלעגן זיי ווירקן אויף די אָרימע־לייט פון שטאָט אוועקצוגעבן זייערע קינדער אין די רוסישע שולן.

אַזוי איז אויך פאָרגעקומען אין שקלאָוו. די רייכערע שקלאָ־ווער אידן האָבן אוועקגעשיקט אין דער נייער רוסישער שולע אַ געוויסע צאָל אָרימע קינדער, און צווישן זיי איז אויך געווען פּאַוועל אַקסעלראָד. זיין פאָטער איז גראָד ניט געווען אין שטעטל, און דער מאַמען האָט מען לייכט איינגערעדט אוועקצוגעבן איר זון אין שולע, ווייל זי האָט סיי־ווי ניט געהאַט קיין מיטלען אויסצו־האַלטן אים.

אַזוי איז דער קליינער פּסח געפאַלן אַ „קרבן“ פאַר די רייַ־כערע אידישע קינדער פון שטעטל, אָבער דער „קרבן“ איז אין דער אמת׳ן געווען אַ גליק פאַר אים. די שולע האָט פאַר אים געעפנט אַ וועג צו אַ ברייטער וועלט.

מען האָט אים אויסגעקליידט אויף קהל'שן חשבון און אוועק־
געשיקט אין דער „גוי'אישער" שולע. אין אַ מאָנאַט אַרום, ווען
ער האָט זיך ערשט קוים אויסגעלערנט צו לייענען, האָט ער שוין
אָנגעהויבן געבן אַן „אוראָק" (פּריוואַטע לעקציע) אין דער רוסישער
שפּראַך. פאַר אַזאַ מין „אוראָק" פלעגט ער באַקומען 8 קאָפּיקעס
אַ חודש און איין מאָל אַ וואָך עסן. אין דער זעלבער צייט האָט
אים איינער פון די לערער געדונגען פאַר אַ באַדינער: דער אינגל
פלעגט דאַרפן רייניגן פאַרן לערער די שטוב, אַרויפטראָגן האָלץ,
הייצן די אויוונס און טאָן די גאַנצע הויז־אַרבעט. דערפאַר פלעגט
ער באַקומען איין מאָל אַ וואָך עסן און אַן אומזיסטע „דירה"; די
„דירה" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער אינגל פלעגט האָבן
אַ רעכט צו נעכטיקן אויף דער פּאָדלאָגע אין קאָרידאָר. יעדן
פרייטיק פלעגט דער אינגל פוצן די שיך באַ די רייכע אידן און
דערמיט פלעגט ער אויך פאַרדינען אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ וואָך. אַזוי
האָט זיך אָקסעלראָד איינגעאָרדנט אין זיינע ערשטע שול־יאָרן.

דאַמאָלס האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון צוויי־
ערליי לעבנס: פון איין זייט פון דעם גוי'אישען לעבן, מיט וועלכן
ער האָט זיך ביסלאַכווייז באַקענט אין דער שולע, און פון דער אַנדער
זייט — פון דעם אידישן לעבן, מיט וועלכן ער איז, פאַרשטייט זיך,
געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדן. דאָס אידישע קליינשטעטלדיקע
לעבן מיט דער בלינדער פאַנאַטישקייט, מיט דער שול, וואָס איז
געווען דער הויפּט־צענטער פון אַלע גייסטיקע אינטערעסן אויף
דער אידישער גאַס, האָט אויף דעם אינגל געהאַט אַ גרויסן איינ־
פלוס: שטונדן־לאַנג פלעגט ער זיך צוהערן צו די דרשות פון די
מגידים, וועלכע האָבן געוועקט אין אים רעליגיעזע געפילען און
שטימונגען; אונטער זייער איינפלוס האָט זיך ביי אים אויסגע־
אַרבעט אַ גרינגשעצונג, אַ געוויסע פאַראַכטונג צו מאַטעריעלע
גליקן און אינטערעסן.

די געציילטע קריסטן, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו
טרעפן זיך אין דער שולע און אַרום דער שולע, זיינען גראָד געווען
סימפּאַטישע מענטשן, און האָבן אין אים געוועקט צוטרוי און איינ־
טערעס צו דעם רוסישן פאָלק. וואָס מער ער האָט זיך אין דער שולע
באַקענט מיט דער רוסישער שפּראַך, אַלץ מער אינטערעס האָט ער

באקומען אין ווייטערדיקער וועלטלאכער בילדונג, און ווען ער האָט מיט אויסצייכנונג געענדיקט די שולע, האָט אים ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן צו דער גימנאַזיע, וועגן וועלכער ער האָט געהערט פון זיינע עלטערע חברים. אָבער די גימנאַזיע איז געווען אין מאָהליעוו, און אַנצוקומען אַהין איז געווען ניט אַזוי גרינג פאַר אים: ערשטנס, האָט מען געדאַרפט קריגן אַ דערלויבניש פון דער שקלאָווער קהלה; צווייטנס, וואו נעמט מען מיטלען צו לעבן אין דער פרעמדער גרויסער שטאָט?

די שטערונגען האָבן אָבער אַקסעלראָדן ניט אָפּגעשראָקן: ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט זיינעם אַ חבר, און מיט 35 קאָפּיקעס אין קעשענע איז ער צופוס אַוועק אין מאָהליעוו; צום גליק איז אויך דאַמאָלסט זיין פאָטער געווען ערגעץ ווייט אין אַן אַנדער שטאָט, און קיינער האָט אים ניט געשטערט.

אין אַ פינסטערע נאַכט האָבן דורך אַ געדיכטן וואַלד געשפאַנט צו דער גרויסער שטאָט ביידע חברים, צוויי אָרימע אידישע אינגלאַך, פול מיט האָפענונגען און דורשט צום לערנען. זיי זיינען געקומען אין מאָהליעוו. דאָרטן פלעגן זיי נעכטיקן ערגעץ אין אַ קאָרידאָר פון אַ קרעטשמע, אָדער אין שטאַל, אויף אַ וואָגן פון אַ פריינדלאַכן בעל-עגלה, און האָבן אַזוי זיך דורכגעמאַטערט די פּאָר וואָכן ביז די עקזאַמענעס. ביי אַקסעלראָדן האָט זיך גראָד אויסגעפונען אין שטאָט אַן אָנקל, אַן אָרימער וועבער, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ קעלער; דער אינגל האָט פאַר זיך דאָרטן אויסגעפונען אַ ווינקל צווישן דעם צענדליק קינדער. אַקסעלראָד האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע. איצט איז פאַר אים געשטאַנען אַ נייע פראַגע: וואו נעמט מען געלט צו קויפן די גימנאַזיסטישע קליידער, צו צאָלן שכר-למוד און ווי עס איז דורכצולעבן זיך?

די פראַגע איז געווען אַ גאַנץ שווערע.

אין אַ נייער וועלט

נאָך דעם שקלאָווער קליין-שטעטלדיקן לעבן האָט זיך איצט אין דער גרויסער שטאָט פאַר אַקסעלראָדן אויפגעעפנט אַ נייע וועלט: דאָ האָט ער זיך גיך געשאַפן נייע און אינטערעסאַנטע באַקאַנט-

שאפטן און האָט אויסגעפונען איינפלוסרייכע אידן, וועלכע האָבן מיטגעפילט מיט זיינע פּלענער און שטרעבונגען און זיינען גרייט געווען אים ארויסצוהעלפן אין זיין לאַגע.

אין די גרעסערע אידישע שטעט האָט זיך שוין דאמאָלט, אין די זעכציקער יאָרן, אָנגעהויבן צו פילען דער נייער גייסט פון השכלה, דער טיפער אינטערעס צו וועלטלאַכער בילדונג. אין די גרויסע שטעט זיינען שוין דאמאָלט געווען אינטעליגענטע אידן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט א ציל צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אידישע מאַסן. אויך אין מאָהיליעוו זיינען דאמאָלט שוין געווען אַזעלכע טיפּן; אייניקע אַזעלכע אידישע אינטעליגענטן (ווי צום ביישפּיל דער „געלערנטער איד“ מאַנדעלשטאַם, גאַרענשטיין, גורע־וויטש) האָבן ארויסגעהאָלפן אַקסעלראָדן אין זיין שווערער פאַר־לעגנהייט באַם אָנקומען אין גימנאַזיע. זיי האָבן אים איינגעאָרדנט די „טעג“, דאָס הייסט וואו ער זאָל קענען אומזיסט עסן יעדן טאָג אין וואָך, זיי האָבן באַצאָלט דעם שכר־למוד פאַר אים און האָבן אים אויך באַזאָרגט מיט א דירה.

מען האָט אים אויסגעקליידט אין א נייער פאָרמע, און אַקסעל־ראָד האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן לערנען. אינגיכן האָט מען אים אין גימנאַזיע באַפרייט פון שכר־למוד און דערצו נאָך געגעבן א „סטיפּענדיע“ פון 30 רובל. ער האָט נאָך צוגעקראָגן א פּאָר „אוראָקן“, און פאַר אים האָט זיך אָנגעפאַנגען א נייער סאָרט לעבן.

אָבער קיין באַזונדער אינטערעס אין גימנאַזיע און אין די דאָרטיקע למודים האָט ער ניט געפילט: דאָס לערנען איז געווען צו טרוקן, „קאַזיאָנע“, אָן קיין שום לעבן, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט צופרידנשטעלן דעם דורשטיקן, פאָרשנדן גייסט פון דעם פייאיקן אינגל. מער־ניט ווי די לעקציעס איבער געשיכטע האָבן אים שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווייל דער יונגער לערער בּלעבניקאָוו איז גראָד געווען א זעלטענע אויסנאַם פון דעם אַלגע־מיינעם טיפּ „קאַזיאָנע“ לערער, וועלכער האָט זיך אויסגעאַרבייט אין די אַמאָליקע רוסישע גימנאַזיעס.

דער לערער פון געשיכטע האָט דאמאָלסט אויף אַקסעלראָדן געהאַט א גרויסן איינפלוס, און פון דער גאַנצער גימנאַזיע איז

יענער לערער געווען דער איינציקער ליכטיקער שטראַל, וואָס האָט באַלויכטן דעם גרויען גימנאַזיסטישן לעבן.

דער 17־יאָריקער גימנאַזיסט הייבט זיך דעמאָלט אָן נענטער צו באַקענען מיט די בעסטע ווערק פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע ציט אים אַלץ מער און מער אַריין אין איר גייסטיקער, אידעאַליסטישער וועלט. אין דער זעלבער צייט הויבן אים אָן צו מאַטערן פראַגן וועגן גאָט, וועגן דער געזעלשאַפט, וועגן לעבן און טויט, וועגן רעליגיע בכלל.

צווישן די געוויינלאַכע אידישע יונגע־לייט פון זיין קרייז האָט זיך אַקסעלראָד גלייך אויסגעצייכנט מיט זיינע זעלטענע פייאיקייטן, מיט זיין ערנסטן כאַראַקטער און מיט זיין אידעאַליסטישן גייסט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיינע חברים און אויף זיינע צאָלרייכע תלמידים, וועלכע ער האָט געגעבן „אוראָקן". אַלע אידישע יונגע־לייט, וועלכע האָבן געשטרעבט צו בילדונג און האָבן זיך אינטערעסירט מיט העכערע פראַגן, האָבן זיך גרופּירט אַרום אַקסעלראָדן, און ער איז דאָרט געוואָרן זייער פּאָפּולער.

די פאַנאַטישע מאָהליעווער אידן איז שטאַרק ניט געפעלן גע־וואָרן דער איינפלוס פון אַקסעלראָדן אויף זייערע קינדער, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם „אַפּיקורסישן" בחור'ל, וועלכער פאַרשפּרייט פרייע געדאַנקען צווישן דער יוגנט. ווי נאָר מען פלעגט אימעצן פון די יונגע־לייט כאַפּן בא אַן עבירה, פלעגט מען גלייך די שולד אַרויפוואַרפן אויף אַקסעלראָדן; און ביסלאַכווייז איז די לופט אַרום אים געוואָרן אַלץ שווערער, אַלץ אומדערטרעגלאַכער, ביז וואַנען אין איין פרימאָרגן האָט אויסגע־פּלאַצט אַ גאַנצער שטורם.

אַ אידישער גימנאַזיסט האָט זיך דאַמאָלסט גע'שמד'ט און איז אַנטלאָפן פון שטאָט. אַקסעלראָד האָט גראָד געוואוסט פון זיינע פּלענער און האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט פון שמד'ן זיך. אָבער די אידן האָבן דוקא אַקסעלראָדן געהאַלטן פאַר דעם הויפּט־שולדיקן פון דער געשעעניש, און זיי האָבן אים באַשטראָפט אויף אַ גאַנץ גרויזאַמען אופן: זיי האָבן בא אים אָוועקגענומען אַלע „אוראָקן",

האָבן אים אַרויסגעטריבן פון דירה, און געלאָזן אָן קיים שום מיטלען אין מיטן גאַס.

אַקסעלראָד האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי לויפן פון דער פאַנאַטישער שטאָט.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין ניעזשין איז פאַראַן אַ „ליצעי" (אַ מין הויכשול), וואוהין מען קען אָנקומען אָן גרויסע שוועריקייטן. ער האָט באַ זיינע גוטע פריינט געליען אַ ביסל געלט, און איז אַוועק קיין ניעזשין צוגרייטן זיך צו אַן עקזאַמען.

פון פייער אין וואַסער

ער האָט זיך אין ניעזשין ווי עס איז דערשלאָגן צו אַן „אוראָק", אַ דאַנק זיינעם אַ חבר, און האָט זיך גענומען צום לערנען. פּלוצלינג באַקומט ער פון כלעבניקאָוון, זיין פריערדיקן לערער פון געשיכטע, אַ קורצע טעלעגראַמע:

„מען מוז איצט אָנקומען אין גימנאַזיע, ווען ניט דאַרף מען ווערן אַ סאָלדאַט."

אַקסעלראָדן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן: דאָס איז געווען אין יאָר 1869, נאָך איידער דער נייער געזעץ וועגן 4 יאָר דינען איז אָנגענומען געוואָרן, און גיין דינען האָט דעמאָלט געהייסן אָפּפינסטערן אין קאַזאַרמע גאַנצע 25 יאָר.

ווי אַזוי אָבער איז אַקסעלראָד פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מין געפאַר?

די זאַך איז אינגיכן קלאָר געוואָרן פאַר אים: די שקלאָווער אידן האָבן געדאַרפט צושטעלן אַ געוויסע צאָל „רעקרוטן" פאַר דער 25־יאָריקער מיליטער־דינסט, האָבן זיי געזוכט וועמען מען קען אַוועקשיקן אַלס אַ „קרבן" אַנשטאָט די רייכע באַלעבאַטישע זין. זיי האָבן זיך גראָד דערוואוסט, אַז אַקסעלראָד איז אַרויס פון מאָהליעווער גימנאַזיע, האָבן זיי באַשלאָסן אים אַוועקצוגעבן פאַר אַ סאָלדאַט; דאָס מיינט: אי פּטור ווערן פון אַן „אַפּיקורס", אי ראַטעווען אַ כשר'ן באַלעבאַטישן בחור פון גוי'אישע הענט.

אַקסעלראָד האָט דערהערט וועגן די אומזיסטע „קאַזיאָנע" קעסט, מיט וועלכע מען וויל אים מכבד זיין אויף גאַנצע 25 יאָר,

איז ער אויפגעציטערט געוואָרן, און איז גלייך אַנטלאָפן פון ניעזשין. ער איז אַוועק קיין קיעוו, און דאָרט גלייך געקומען צום דירעקטאָר פון גימנאַזיע מיט כּלעבניקאָווס טעלעגראַמע און האַנט.

דער דירעקטאָר האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע, און האָט אַ זאָג געטאָן:

„נו, פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע ניט אַ דין טאָן דעם קיסר און דעם פאָטערלאַנד? . . .“

נאָך אַזאַ מין קלאָץ־קשיא איז אַקסעלראָד גלייך אַנטלאָפן פון קיעוו און איז אַוועק וואוהין די אויגן האָבן אים געטראָגן . . . זעקס וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַזוי אָפּגעוואַלגערט אין וועג: וואו ער האָט געטאָגט, דאָרט האָט ער ניט גענעכטיקט, און איז פאַר־וואָגלט געוואָרן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך.

אַ טשיקאַווער פאַל האָט זיך מיט אים איין מאָל געטראָפן אין וועג. ער האָט זיך באַקענט און באַפריינדעט מיט אַ רוסישן אָפיצער, וועלכן ער האָט אויך געוויזן כּלעבניקאָווס טעלעגראַמע. דער אָפיצער איז גראָד געווען אַן אַנשטענדיקער מענטש און האָט געגעבן דעם נאַאיוון בחור'ל אַ גוטע עצה:

„באַווייזט בעסער קיינעם ניט די טעלעגראַמע, אויב איר ווילט ניט האָבן קיין צרות.“

אַקסעלראָד האָט אים געפאָלגט און מער די טעלעגראַמע שוין קיינעם ניט געוויזן.

אין דער צייט פון זיין וואַנדערן האָט אַקסעלראָד זיך דער־וואוסט, אַז די געפאַר איז שוין פאַריבער, ווייל דער „נאַבאָר“ פון סאָלדאַטן איז שוין געענדיקט און אַז ער קען איצט רואיק קומען צוריק אַהיים. ער איז אַוועק צוריק אין מאָהליעוו, געהאַלטן אַן עקזאַמען און אַנגעקומען אין 6־טן קלאַס.

זיין לעבן איז ווידער אריין אין אַ רואיקן צושטאַנד. אגב דער כּעס געגן אים איז ביי די אידן שוין פאַר דער צייט אָפּגעקילט געוואָרן, ער האָט שוין ווידער געקראָגן „אוראָקן“ און האָט ווידער זיך גענומען צו פאַרשפּרייטן „אַפּיקורסישע“ געדאַנקען צווישן די מאָהליעווער יונגע־לייט.

די געדאַנקען, מיט וועלכע אַקסעלראָד האָט זיך אַרומגעטראָגן אין יענער צייט, זיינען אין דער אמת'ן גאָרניט געווען קיין אַפּיקורסישע. זיין הויפּט־ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין לעבן אין יענע יאָרן, איז באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אידן. דאָס זיינען געווען גאַנץ אומשולדיקע און באַשיידענע משכיל'ישע אידייען, מיט וועלכע עס האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן אין די 60־גער יאָרן אַ היבש ביסל אידן. די שטרעבונג צו וועלט־לאַכער בילדונג האָט דעמאָלט אַלץ מער אַרומגעכאַפּט די אידישע אינטעליגענטן, און די צאָל אידישע קינדער אין די רוסישע גימנאַ־זיעס איז פון יאָר צו יאָר געוואַקסן.

אַקסעלראָד האָט געוואָלט דורכפירן זיין פּראָגראַם פון פאַר־שפּרייטן בילדונג צווישן אידן אויף אַ גאַנץ ברייטן אופן: ער פּרוואווט איינאָרדענען אידישע עלעמענטאַרע שולן פאַר אָרימע, ער פּירט אַ הייסע פּראָפּאַגאַנדע פאַר בילדונג צווישן די אידן, און באַזונדערס פאַר פרויען־בילדונג, און שטרעבט מיט אַלע כחות צו מאַכן אידן פאַר איירָאָפּייער.

ווי ווייניק ער האָט זיך דאַמאָלסט אינטערעסירט מיט אַלגע־מיינע רוסישע פראַגן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס, לויט זיינע אייגענע ווערטער, האָט ער זיך כמעט ניט צוגעהערט צו דעם, „וואָס עס קומט פאָר אויסער דער אידישער סביבה"; ער האָט נאָך ניט געוואוסט „וועגן דער שקלאַפעריי און ליידן פון די רוסישע מאַסן און וועגן דער געזעלשאַפטלאַכער באַוועגונג פון די קולטורעלע שיכטן אין רוסלאַנד". אפילו אַזעלכע היסטאָרישע פּאַסירונגען ווי די באַפרייאונג פון די פּויערים און אַנדערע דאַמאָלסטיקע וויכטיקע רעפאָרמען אין רוסלאַנד, זיינען אים כמעט אינגאַנצן פרעמד געווען.

אים האָט אינטערעסירט בלויז דאָס אידישע לעבן, און ער האָט געלעבט בלויז מיט אידישע אינטערעסן. ער האָט זיך דאַמאָלסט געקליבן שטודירן גרונטלאַך די אידישע געשיכטע, די העברייאישע שפּראַך און זיך פאַרנעמען מיט געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט אויף דער אידישער גאַס.

פּאָליטיש איז ער דאַמאָלסט נאָך אויך געווען זייער רוי און קאָנ־סערוואַטיוו געשטימט: ריכטיקער געזאָגט, האָט ער זיך דאַמאָלסט

מיט פּאָליטיק גאָרניט אינטערעסירט. אויף וויפֿיל זיין פּאָליטישער געדאַנק איז דאַמאָלסט נאָך געווען ווייט פֿון ראַדיקאַליזם, קען מען זען פֿון דעם, וואָס קאַראַקאָזאָווס ניט געלונגענעם פֿאַרזוך צו טויטן דעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ גליק פֿאַר רוסלאַנד. ער האָט דעם קיסר דאַמאָלט געהאַלטן פֿאַר אַ באַשיצער פֿון שוואַכע און אונטערדריקטע, פֿאַר דעם אמת'ן טרעגער פֿון גערעכטיקייט און אַפֿילו פֿאַר דעם באַשיצער פֿון דעם אידישן פֿאָלק. ווען אַ פּויער האָט זיך איינמאָל שלעכט אויסגעדריקט פֿאַר אים וועגן קיסר, האָט אַקסעלראָד זיך גענומען מיט היץ פֿאַרטיידיקן דעם צאַר, וועלכער איז, לויט זיין דאַמאָלסטיקן באַגריף, גאָרניט געווען שולדיק אין די ליידן פֿון פֿאָלק. ווען די אידן האָבן אין שול פֿייערלאַך תּפֿילה געטאָן און געדאַנקט גאָט, וואָס דער קיסר איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון קאַראַקאָזאָווס אָנפֿאַל, איז אַקסעלראָד אויך געקומען אין שול און האָט זיך אויפֿריכטיק געפֿרייט מיט דער פּאַסירונג.

ער איז נאָך דאַמאָלט געווען אַזוי נאַאיוו, אַז ער האָט געגלויבט אין דעם גוטן ווילן און אָפּטמאָל אַפֿילו אין דעם אידעאַליזם פֿון די דאַמאָלסטיקע גובערנאַטאָרן און אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער צאַרישער רעגירונג.

ער האָט, צום ביישפּיל, געגעבן די פּויערים עצות צו באַקלאָגן זיך אויף זייער לאַגע פֿאַר דעם גובערנאַטאָר; ער האָט איינמאָל זיך אַליין אויך געווענדט צום גובערנאַטאָר מיט אַ בריוו צו העלפֿן אים אויפֿבויען אַ ביבליאָטעק פֿאַר דער אידישער באַפֿעלקערונג. דער גובערנאַטאָר האָט אים דאַמאָלט גאַנץ קאַלט אָפּגעענטפֿערט, אַז אַזאַ זאַך „האָט ניט צו טאָן מיט אים“, פֿונדעסטוועגן איז זיין גלויבן אין די גוטע כּוונות פֿון דער רעגירונג דאַמאָלסט נאָך אַלץ ניט צערונען געוואָרן.

אין זיינע ערינערונגען דערציילט אַקסעלראָד אַליין, אַז ער איז אַפֿילו אין די עלטערע קלאַסן נאָך פֿאַרבליבן אין פּאָליטישן זין נאַאיוו ווי אַ קינד; ער איז געווען נאָך גאַנץ ווייט פֿון די פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע אידייען, מיט וועלכע עס זיינען שוין דאַמאָלט געווען אָנגעשטעקט אַ סך יונגע־לייט פֿון זיין עלטער אין די גרויסע רוסישע שטעט.

ער טראָגט זיך נאָך דאַמאָלסט אַרום, ווי מיר זעען, מיט אומבאַ־שטימטע פּלענער פון פאַרשפּרייטן בילדונג, מיט גאַנץ באַשיידענע און אומשולדיקע געדאַנקען, און פונדעסטוועגן האָבן אים די פאַנאַ־טישע אידן געהאַלטן פאַר אַ געפערלאַכן רעוואָלוציאָנער, וועלכער פאַר'סמ'ט די מוחות פון זייערע קינדער. ווען ער האָט אָפּגעדרוקט (אין יאָר 1869) אין דער מאָהליעווער רוסישער צייטונג (מאָגי־ליאָווסקיא גובערנסקיא וועדאָמאָסטי) זיין ערשטן אַרטיקל, וואו ער פאַרטיידיקט די שקלאָווער אָרימע אידישע באַפעלקערונג געגן די רייכע קהל'שע „קליאַמקעס", ווערט ער נאָך מער פאַררעכנט פאַר אַ געפערלאַכן רעוואָלוציאָנער. מען קען אים אָבער דאַמאָלט שוין ניט פאַרטרייבן ווי פריער, און מען קריצט בלויז מיט די ציין.

ווען אַ פּאָר מאָהליעווער יונגע־לייט (לייזער צוקערמאַן און ווילענקין) זיינען אין יענער צייט אַנטלאָפן פון זייערע פאַנאַטישע עלטערן און פאַרלאָזן שטילערהייט די שטאָט, האָט מען אין דעם באַשולדיקט אַקסעלראָדן, וועלכן מען האָט פאַרפאָלגט אין גאַס מיט געשרייען: „דאָס איז ער שולדיק!" „דאָס האָט ער אַלץ אָנגע־מאַכט!" אָבער באַ די געשרייען איז דאָס געבליבן: צו טיף זיינען שוין דאַמאָלט אַריינגעדרונגען די פּראָגרעסיווע אידייען אויף דער אידישער גאַס מען זאָל קענען אַזוי ברוטאַל און גרויזאַם פאַרפאָלגן אַן „אַפּיקורס", ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

אָבער אין אַקסעלראָדן גופא קומען דאַמאָלסט פאָר וויכטיגע און טיפע ענדערונגען.

מיטן רעוואָלוציאָנערן שטראָם

די מאָהליעווער גימנאַזיע האָט אַקסעלראָד ניט פאַרענדיקט: ער איז דורכגעפאַלן אויף די לעצטע עקזאַמענס און האָט זיך גע־דאַרפט אָפּשטעלן אויף אַ צווייטן יאָר אין דעם זעלבן קלאַס, ווייל ער האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען. ער האָט באַשלאָסן בעסער אַוועקצופאָרן אין ניעזשין און אָנקומען אין דעם דאָרטיקן „ליצעי", איידער זיצן נאָך איין יאָר אין דעם זעלבן קלאַס. זיין ווייטערדיקער ציל איז געווען — פון „ליצעי" אָנצוקומען אין קיעווער אוניווער־סיטעט.

ער איז אוועקגעפאָרן אין ניעזשין, און נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז ער אָנגעקומען אין „ליצעי“. אָבער אָפּשטעלן זיך אין ניעזשין האָט ער ניט געקענט, ווייל ער האָט ניט געקענט געפינען פאַר זיך קיין „אוראָקן“, און אנשטאָט צו הערן די לעקציעס אין „ליצעי“ איז ער אוועקגעפאָרן אין קאָנאָטאָפּ אויף אַ „קנעלונג“ אין אַן אַסימילירטער אידישער הויז.

דאָ האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ נייעם אומבאַקאַנטן קרייז מענטשן: אינטעליגענטן, האַלב־אינטעליגענטן און רוסישע „טשי־נאָווניקעס“, אָנהייבנדיק פון דעם „איספּראַווניק“ און ענדיקנדיק מיט די קליינע באַאַמטע פון פאַרשיידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. קיין גייסטיקע אינטערעסן אין לעבן האָבן זיי ניט געהאַט: מער ווי קאָרטן, דער „ביטערער טראָפּן“ און פּוסטע פּלוידעריי וועגן „נעכטיקן טאָג“ האָט זיי קיין זאַך אין דער וועלט ניט אינטערע־סירט. אַקסעלראָד האָט זיך דערפילט ניט היימלאַך אין אַזאַ מין געזעלשאַפט: ער האָט דערפילט אַ דראַנג צו אַ וויכטיקערן, אינטע־רעסאַנטערן לעבן און צו העכערע אינטערעסן.

אין דעם הויז, וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער דאַמאָלט גע־פונען צוויי ערנסטע ביכער: לאַסאַלס רעדעס און גוצקאָווס באַ־וואוסטן ראָמאַן פון דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן אין דייטשלאַנד פון 48־טן יאָר, „די ריטער פון גייסט“. ביידע ביכער האָבן געמאַכט אויף אַקסעלראָד׳ן אַן אויסערגעוויינלאַכן איינדרוק.

לאַסאַלס באַגייסטערטע רעדעס וועגן דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער וועלט פון אָרימקייט, שקלאַפעריי און אומוויסנהייט האָבן אָנגעצונדן אין אַקסעלראָדס נשמה אַ פייער. לאַסאַלס אידייע וועגן דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס דאַרף זיין דער טרעגער פון סאָציאַליזם און וואָס וועט באַפרייען די מענטשהייט, איז פאַר אַקסעלראָדן גע־ווען אַ מין גליקלאַכע אַנטדעקונג.

דער פריערדיקער געדאַנק פון פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די אידן איז אים איצט אויסגעקומען קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער אַלוועלטלאַכער אויפגאַבע פון באַפרייען די גאַנצע וועלט פון שקלאַפעריי.

לאַסאַלס פייערדיקע רעדעס און זיינע מוטיקע, שטאָלצע אַרויס־טרעטונגען פאַר די אַרבעטער, זיין גלענצנדער ענטפער צום באַ־

שולדיקער אויף זיין אייגענעם פּראָצעס האָבן גערייצט די פֿאַנטאַזיע פון דעם יונגן אַקסעלראָד און האָבן געוועקט אין אים רעוואָלוציאָ־נערע געדאַנקען און שטימונגען.

גוצקאָווס ראָמאַן האָט זיינע געדאַנקען געשטויסן נאָך ווייטער. זיין קאָפּ האָט געאַרבעט ווי אין אַ פיבער. דער פּאָליטישער געדאַנק זיינער, וואָס האָט פריער געדרימלט, האָט ענדלאָך דורכגעבראָכן די פּאַרגליווערטע וואַנט און האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו אַנט־שיידענע, געוואַגטע אויספירונגען: ערשטנס, איז ער געקומען צום שלוס, אַז אין רוסלאַנד מוז פּאַרקומען אַ רעוואָלוציע; צווייטנס, כדי צוגרייטן די נויטיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, מוז מען גרינדן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע.

די ביידע שלוסן, צו וועלכע ער איז געקומען, האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון זיין לעבן. זיין אויפגאַבע אין לעבן איז שוין פאַר אים געוואָרן קלאָר: ער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט גרינדן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל צוגרייטן די צוקונפטיקע רוסישע רעוואָלוציע.

איצט איז פאַר אים געשטאַנען אַ באַשטימטע און קלאָרע פראַגע: ווי אַזוי הייבט מען אָן דורכצופירן דעם פּלאַן פון שאַפן אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע?

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון די 70־גער יאָרן. צווישען די רוסישע אינטעליגענטן, איבערהויפּט צווישן די סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן, האָט זיך דאַמאָלסט אָנגעפאַנגען אַ שטרעבונג צו גיין „צום פאָלק" כדי צו פאַרשפּרייטן דאָרט די רעוואָלוציאָנערע אידייען. די אַזוי־גערופענע „פאָלקיסטישע" באַוועגונג (נאַראָדני־טשעסטוואָ) איז דאַמאָלסט געווען דער פּאָפּולערסטער געדאַנק, מיט וועלכן עס איז געווען דורכגעדרונגען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט.

אַקסעלראָד האָט זיך גלייך אריינגעצויגן אין דער זעלבער ריכ־טונג, און האָט געזוכט צו פאַראינטערעסירן די ניעזשינער און קיעווער סטודענטן מיט דעם פּלאַן צו שאַפן אַן אַלגעמיינע רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד. גאַנץ גיך אָבער האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די סטודענטן קענען ניט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָלע

אין דער באַוועגונג, ווי די שטאָטישע אַרבעטער, אויף וועלכע אַק־סעלראָד האָט געלייגט זיינע הויפּט־האָפענונגען. די אַרבעטער דאַרפן פאַרנעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דעם הויפּט־פּלאַץ — דאָס איז געווען אַקסעלראָדס געדאַנק, צו וועלכן ער איז געקומען גלייך אין אָנפאַנג פון זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

און שוין אין יאָר 1872 האָט אַקסעלראָד צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט עטלאַכע אַרבע־טער־„אַרטעלן" פון סטאָליאַרעס, גלעזער, טשעסליאַרעס, און האָט אָנגעפירט צווישן זיי רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע און אויך ביל־דונגס־אַרבעט. עס גרינדן זיך אַזוי אין פאַרשיידענע שטעט אַר־בעטער־קרייזלאַך, וועלכע שטעלן זיך אין פאַרבינדונג איינער מיטן צווייטן. אַקסעלראָד פּרואווט גרינדן אַ געהיימע דרוקעריי און קומט אין באַרירונג מיט די רעוואָלוציאָנערן זשעליאַבאָוו און וואָלכאָווסקאָי אין אָדעס, מיט דער „באָבען פון דער רוסישער רעוואָלוציע" ברעש־קאָווסקאַיאַ, מיט קאָלאָדקעוויטשן, לאָפּאַטין און סטעפּאַנאָוויטש אין קיעוו, מיט די אַזוי־גערופענע „טשאַיקאָווצעס" אין פּעטערבורג א. אַ. וו. דאָס זיינען אַלץ געווען די ערשטע גרינדער פון אַן אַל־רוסישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. די אַלע אויבנדערמאָנטע רעוואָלוציאָנערן האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנומען זייער אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער אומגעקומען אויף דער תליה און אַנדערע האָבן אָפּגעשמאַכט זייער גאַנצן לעבן אין די טורמעס און אין די שטיינערנע „קאַזעמאַטן" פון שליסלבורגער און פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג.

צוויי ריכטונגען האָבן זיך אָנגעמערקט אין דער רוסישער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג: איינע, וואָס האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון באַקונינס אַנאַרכיסטישע אידייען, און די צווייטע, וואָס איז שפּעטער מער באַאיינפלוסט געוואָרן פון קאַרל מאַרקס לערע, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרן אין מאַרקס באַרימטן ווערק „דער קאַפּיטאַל". צווישן ביידע ריכטונגען איז פאָרגעקומען אַ ביטערער און דויערנדער קאַמף. דער אָנפאַנג פון דעם קאַמף האָט זיך דערפילט גאַנץ פרי, נאָך בײַ די ערשטע טריט פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג. עס האָט זיך גלייך אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן

אָנגעהויבען אַ שפּאַלטונג צווישן די אָנהענגער פון איין ריכטונג און דער צווייטער: אין די 70־גער יאָרן, — צווישן די, וועלכע מען פלעגט רופן מיטן נאָמען „וופּעריאָדאָווצי" (לויט דער דאַמאָלסטיגער פּראָגראַם „וופּעריאָד") און די, וועלכע מען פלעגט רופן מיטן נאָמען „בונטאַרי" (די אָנהענגער פון אויפשטאַנדן). די ערשטע (וופּעריאָדאָווצי) האָבן געהאַלטן פון פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַסן, און די צווייטע (בונטאַרי) האָבן געהאַלטן פון סטיכיטע אויפשטאַנדן, זאָל זיין כאָטש דערווייל אָן אַ באַוואוסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן צוועק.

דאָס איז פּאַקטיש דער אָנפאַנג פון די צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַזוי שאַרף אויסגעבילדעט און קריסטאַליזירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַקסעלראָד האָט זיך אין אָנפאַנג שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט באַקונינס לערע און איז געוואָרן אַנאַרכיסטיש געשטימט, אָבער אין דעם קאַמף צווישן ביידע אָנגעמערקטע ריכטונגען האָט ער פאַרנומען אַ מיטל־וועג: ער איז אַרויסגעטראָטן סיי געגן דער צו־„מעסיקער" ריכטונג פון די „וופּעריאָדאָווצעס", סיי געגן דער צו־„עקסטרעמער" ריכטונג פון די „בונטאַרעס". ביידע האָבן אים ניט באַפרידיקט, און זיין טיפע קריטיק פון ביידע ריכטונגען האָט ער אויסגעדריקט אין זיין באַוואוסטן ווערק „דער איבערגאַנגס־פּעריאָד פון אונזער פּאַרטיי".

ווי ווייט אָבער אַקסעלראָד האָט נאָך דאַמאָלסט זיך שטאַרק אַרומגעטראָגן מיט דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק פון מאַכן וואָס מער סטיכישע אויפשטאַנדן, באַווייזט אונז דער פאַקט, וואָס ער איז אין יענער צייט ספּעציעל געפאָרן אין פּראָווינץ צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט אַ לעגענדאַרן רויבער, מיט וועלכן עס האָט דאַ־מאָלסט געקאָכט אין דרום־רוסלאַנד. דער רויבער פלעגט, לויט די קלאַנגען, מאַכן אָנפאַלן אויף די רייכע און אָפּגעבן דאָס אָנגערויבטע גוטס צו די אָרימע. אין זיין רויבערישער אַרבעט האָבן די דאַמאָלס־טיקע רעוואָלוציאָנערן צוזאַמען מיט אַקסעלראָדן דערזען דעם אָנ־פאַנג פון פאָלקס־אויפשטאַנדן, וועגן וועלכע זיי האָבן געטרוימט. אָבער אומזיסט האָט אים אַקסעלראָד אַרומגעזוכט איבער שטעטלאַך און דערפער: דעם „פאָלקס־רויבער" האָט קענטיק אויסגעטראַכט עפּעס אַ ליץ אָדער אַ פאַנטאַזיאָר.

עס האָבן נאָך ביידע ריכטונגען ניט באַוויזן אַרויסצוטרעטן אין אַן אָפענעם קאַמף, ווי עס איז גלייך פאַרגעקומען אַן אָנפאַל פון דער רעגירונג אויף די רעוואָלוציאָנערע קרייזלאַך. פּאָליציי איז באַפאַלן די געהיימע דירות, אַרעסטירט די וויכטיקסטע פירער און האָט געמאַכט אַ פולשטענדיקן פּאָגראָם פון דער נאָר־וואָס געבאָרע־נער באַוועגונג.

אַקסעלראָד האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון אַן אַרעסט, האָט זיך אַ געוויסע צייט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אים געזוכט, און אין דעם יאָר 1874 איז ער אַריבער געהיים דעם גרעניץ און איז געקומען קיין בערלין.

אין אויסלאַנד

דאָרטן, אין אויסלאַנד, הייבט זיך אָן פאַר אַקסעלראָדן אַ נייער סאָרט לעבן.

ער קומט אין נאָענטער באַרירונג מיט די וויכטיקסטע פירער פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי ליבקנעכט און לאַסאַל, ער באַזוכט אָפט גרויסע פאַרזאַמלונגען פון די דייטשע אַרבעטער, ער הערט זיך צו צו די דאַמאָלסטיקע הייסע דעבאַטן וועגן אַרבעטער־פראַגן, ער באַקענט זיך נאָענט מיט דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ער קוקט זיך צו צו דעם אייראָפּייאישן אַרט לעבן, און דאָס אַלץ מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק.

פיל פון זיינע פריערדיקע געדאַנקען און באַגריפן קריגן איצט אַ שטאַרקן קלאַפּ, און ווערן צעטרייסלט.

„איך דענק, שרייבט וועגן יענער צייט אַקסעלראָד, אַז די בערלינער פאַרזאַמלונגען האָבן איינגעוואָרצלט אין מיר אומבאַ־וואוסטזיניקערהייט טיפע סימפּאַטיעס צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע, האָבן פאַרזייט די קערנער פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק אין מיין מאַרך און גייסט.“

ער האָט אָן צווייפל פיל געלערנט פון דער דאַמאָלסטיקער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז אים ניט אין אַלע הינ־זיכטן געפעלן געוואָרן און צו וועלכער ער האָט דאָך געפילט דעם טיפסטן אינטערעס און אַ געוויסע אַכטונג. די דערפאַרונגען פון

דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אים ביסלאַכווייז אויסגע־ניכטערט פון זיינע אַנאַרכיסטישע שטימונגען און געדאַנקען, אָבער עס האָט באַ אים גענומען כמעט גאַנצע צען יאָר, ביז וואַנען ער האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט פון באַקונינס לערע. אַזוי טיף זיינען אין אים געווען איינגעוואָרצלט די פריערדיקע סימפּאַטיעס.

דער אַנאַרכיסט האָט אין אים לאַנג געקעמפט מיט דעם סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט, און וואָס מער ער האָט געשטודירט דאָס אייראָ־פּייאישע לעבן און די אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אַלץ מער זיך אויסגעוועפּט אין אים דער אַנאַרכיסטישער גייסט, און ער איז געוואָרן אַלץ אַ גרעסערער אָנהענגער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. ער איז אין דעם הינזיכט געווען אַן אויסנאַמע צווישן די רוסישע סאָציאַליסטן, ווייל די מערסטע פון זיי האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען אונטערן איינפלוס פון די פראַנצוי־זישע סאָציאַליסטן.

אָבער זיין אַכטונג צו דער דייטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג שטערט אים ניט צו זען אירע שוואַכע זייטן און צו קריטיקירן זיי אין זיינע אַרטיקלען אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע.

אָנהויבנדיק פון דעם יאָר 1875 פאַרברענגט אַקסעלראָד כמעט זיין גאַנצן לעבן אין אויסלאַנד, וואו ער נעמט אַ לעבעדיקן אַנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. בלויז צוויי מאָל (אין די יאָרן 1875 און 1879) קערט ער זיך אום געהיים אין רוסלאַנד אויף אַ קורצער צייט, און קומט באַלד צוריק אין אויסלאַנד. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער שוין אָפן געקומען אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1906 און 1917, אויך אויף אַ גאַנץ קורצע צייט. אַזוי האָט ער מער ווי פופציק יאָר פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין גלות, און ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס ער האָט זיך פאַר דער צייט דורכגעדרונגען מיט דעם אייראָפּייאישן גייסט, מיט דעם אייראָפּייאישן צוגאַנג צום לעבן און מיט אַן אייראָפּייאישן קוק אויפן לעבן.

אַקסעלראָד איז ניט אומזיסט פאַררעכנט אַלס דער אמת'ער אייראָפּייער אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. „איר זייט דער אייראָפּייער אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע,“ האָט אים איינמאָל געשריבן דער באַרימטער סאָציאַליסט פּלעכאַנאָוו. ער האָט דעם נאָמען פאַרדינט אויך צוליב זיין מערקווירדיקער, גרונט־

לאכער באקאנטשאפט מיט דער אלגעמיינער אייראפּייאישער אר־בעטער־באוועגונג בכלל. וועגן דער דייטשער באוועגונג איז שוין אָפּגערעדט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט קאַרל קאוטסקי, איינער פון די טיפסטע סאָציאַליסטישע דענקער פון אונזער צייט, געשריבן פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער וועגן אקסעלראָדן:

„עס איז פּשוט צו באוואונדערן, ווי אזוי ער, דער רוסישער איד, האָט אזוי גוט פארשטאַנען דעם תוך און די אויפגאַבן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע."

דאָס זעלבע האָבן געקענט וועגן אים זאָגן, און האָבן אָפטמאָל טאַקע געזאָגט, אויך די פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער אַרבעטער־באוועגונג.

די גרונטלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באוועגונג און מיט דעם מאַרקסיזם האָבן אקסעלראָדן, ווי אויך שפּעטער זיין נאָענטן פריינד, דעם רוסישן סאָציאַליסטישן דענקער פּלעכאַנאָוון, געבראַכט אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דאָס איז אָבער ניט אזוי לייכט פאָרגעקומען. דער וועג צו דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק איז געווען פאַר אקסעלראָדן אַ גאַנץ שווערער. ער האָט אים געדאַרפט דורכקעמפן און דורכ־ברעכן אין זיך ביסלאַכווייז. שוין אין אָנפאַנג האָט אקסעלראָד געפונען אנערקענונג צווישן די סאָציאַליסטן, און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס צו אים האָבן זיך געווענדט אין יאָר 1878 די פירער פון דעם נייעם רוסישן „אַרבעטער־פאַראיין", ער זאָל פאַר זיי צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם. די פּראָגראַם, וואָס אקסעלראָד האָט דאַמאָלסט אָנגעשריבן, טראָגט אויף זיך סימנים פון דעם נייעם גייסט, מיט וועלכן ער איז שוין דאַמאָלסט געווען דורכגע־דרונגען: הגם זי ענדיקט זיך מיט אַן אַנאַרכיסטישן נוסח, אָבער זי איז שוין אויף דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון דער דייטשער אַרבעטער־באוועגונג.

אזוי איז אויך געווען אַ ביסל שפּעטער, ווען אקסעלראָד איז צוגעשטאַנען צו דער נייער רעוואָלוציאָנערער גרופּע „טשאָרני פּע־רעדיעל", וואָס האָט זיך געגרינדעט נאָך דער שפּאַלטונג פון דער פריערדיקער גרופּע „זעמליאַ אי וואָליאַ". אָפיציעל האָט ער נאָך

אלץ באַלאַנגט צו באַקונינס ריכטונג, אָבער אינעווייניק, אין האַרצן, האָט איס שוין געצויגן צו דעם מאַרקסיזם, צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס זעט מען אָן דער נייעם פּראָגראַם, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן מיט אַ יאָר שפּעטער, וואו עס פילן זיך שוין באַ אים גאָר אַנדערע שטימונגען.

אַקסעלראָד לעבט קענטיק איבער אַ שווערן גייסטיקן קריזיס; ער וואַקלט זיך, ער צווייפלט, ביז וואַנען ער קומט צו זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען. זיינע נייע אויספירונגען דריקט ער ענדלאַך אויס שאַרף און קלאָר אין זיין ערשטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער בראָשור וועגן דער „אַרבעטער־באַוועגונג“, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין דעם יאָר 1883. דאָרט זעען מיר שוין פאַר זיך דעם צוקונפטיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער.

צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון און מיט אייניקע אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטן (וועראַ זאַסוליטש און לעוו דייטש) גרינדעט ער אין דעם יאָר 1883 די גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט“ („גרופּאַ אָסוואָבאָזשדיעניאַ טרודאַ“), וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן דעם מאַרקסיסטישן, סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די רוסישע אינטעליגענטן, און שפּעטער, מיט דעם וואוקס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אויך צווישן די רוסישע אַרבעטער.

זייער געדאַנק איז געווען צו שאַפן די נויטיקע צאָל באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטישע טוער, וועלכע זאָלן מיט דער צייט פאַרשפּרייטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען צווישן דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז נאָך דאַמאָלסט געווען זייער קליין.

זייערע געגנער, די „נאַראָדניקעס“, האָבן געקוקט מער אין דאָרף אַריין ווי אין שטאָט: פאַר זיי איז דער פּויער געווען דער צוקונפטיקער טרעגער פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, און דאַריבער האָבן זיי אויסגעלאַכט די נייע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע און האָבן זיי באַקעמפט מיט אַלע מיטלען. אין דעם דאַמאָלסטיקן קאַמף צווישן די „נאַראָדניקעס“ און די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן“ איז פאַרשווענדט געוואָרן אַ היבש ביסל ענערגיע און כחות.

די „נאַראָדניקעס“ האָבן געהאָפט, אַז די רוסישע פּויערים וועלן אײַנגיכן דערפילן די פּאָליטישע שקלאַפעריי, אין וועלכער די צאַרישע רעגירונג האָט זיי געהאַלטן אין פאַרלויף פון גאַנצע דורות.

זיי האָבן געדענקט, אַז ווי נאָר דער פּויער וועט דערפילן דעם יאָך פון דעם צאַר און זיינע אַרויסהעלפער, וועט ער גלייך דורכגעדרונגען ווערן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט און וועט מאַכן אַן אויפשטאַנד, וואָס וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו דער צאַרישער זעלבסטהערשונג.

לאַנג האָבען די „נאַראָדניקעס" געוואַרט אויף אַזאַ מין פאָלקס־אויפשטאַנד, און האָבן ממש געציילט די מינוטן, ווען דער אויפ־שטאַנד וועט אויסברעכן. זיי האָבן געוואַרט און געוואַרט, ביז וואַנען זייער געדולד האָט געפּלאַצט, און זיי האָבן ענדלאַך באַ־שלאָסן, אַז ס'האָט קיין זין ניט צו וואַרטן אויף דער אויפוואַכונג פון דעם פאַרשקלאַפטן רוסישן פאָלק, פון דעם אומוויסנדן רוסישן פּויער: מען דאַרף אַליין, מיט די אייגענע באַגרעניצטע רעוואָלו־ציאָנערע קרעפטן, דורכברעכן מיט גוואַלט די שטיינערנע וואַנט פון צאַריזם, און עפענען אַ פרייען וועג צום סאָציאַליזם פאַר די אונ־טערדריקטע „פּויערשע מאַסן".

אַזוי זיינען די פאַרצווייפלטע „נאַראָדניקעס" געקומען פון זייער אַנטוישונג אין „פאָלק" צו זייער העלדישן און טראַגישן טעראָר. ניט מיט די מאַסען און ניט דורך די מאַסן, נאָר אַליין, מיט די אייגענע באַשיידענע כחות, דערגרייכן פרייהייט דורך אַ בלוטיקן טעראָר, דורך רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און אָנפאַלן. דאָס איז געוואָרן די פּראָגראַם און די פאַרצווייפלטע טאַקטיק פון די אומגעדולדיקע „נאַראָדאָוואָלצעס" אין רוסלאַנד.

זיי האָבן אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער פרייהייטס־באַוועגונג פיל שיינע, הערליכע זייטען; זיי האָבן געגעבן פיל העל־דישע אידעאַליסטישע מאַרטירער, אָבער זייער הויפּט־געדאַנק איז דאָך געווען געבויט אויף אַנטוישונג אין די פאָלקס־מאַסן און אויף יונגנטלאַכער אומגעדולד. דאָס איז געווען גיכער אַ טאַקטיק פון פאַרצווייפלונג, איידער אַ שטרענג אויסגערעכנטע רעאַלע פּאָליטיק פון אַ פּאַרטיי, וואָס רעכנט פּאָזיכטיק אויס יעדן שריט און זעט פאַר זיך קלאָר אַלע מעגלאַכקייטן און אומשטענדן.

די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס" האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אַ צווייטן עקסטרעמען געדאַנק, וועלכער איז אויך געקומען פון אַנטוי־שונג און פאַרצווייפלונג. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּרייסן פון

דעם „פֿאָלק“, זיי האָבן געוואָלט גיין ביזן סוף מיט די פֿאָלקס־מאַסן, און וויבאַלד דאָס „פֿאָלק“ איז גלייכגילטיק צו „פּאָליטישער פריי־הייט“ און וויל ניט מאַכן קיין „פּאָליטישע רעוואָלוציע“, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך אויך אָפּזאָגן פון „פּאָליטישער פריי־הייט“ און „פּאָליטישע רעוואָלוציעס“, וועלכע זיינען ניט מער ווי „בורזשואַזע“, קליינבירגערלאַכע אַבערגלויבנס און נאַרישקייטן. מען דאַרף בעסער זען וואָס גיכער און שטאַרקער אַריינצוציען דאָס „פֿאָלק“ אין דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם גופא, האָבן זיי גע־טענה'ט.

די „נאַראָדניקעס“ האָבן געהאַלטן, אַז סאָציאַליזם קען בשום אופן ניט פאַרווירקלאַכט ווערן אָן פּאָליטישער פרייהייט, אָבער די פּאָליטישע פרייהייט האָבן זיי געהאָפט צו דערגרייכן אַליין, מיט זייערע אייגענע כחות, אָן דעם „פֿאָלק“. פאַרקערט, די „טשערנאָ־פּערעדעלצעס“ האָבן געדענקט, אַז נאָר די פֿאָלקס־מאַסן קענען אָנפירן דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, אָבער אויף דער פּאָליטישער פרייהייט גופא האָבן זיי געקוקט ניט ערנסט.

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געדאַנק האָט פוןביידע ריכ־טונגען גענומען די ריכטיקע אידייען און האָט פון זיי געשאַפן איין געזונטע און פעסטע פּראָגראַם און טאַקטיק. די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן האָבן געהאַלטן (פונקט ווי די „נאַראָדניקעס“) אַז פּאָליטישע פרייהייט איז נויטיק פאַר דעם סאָציאַליזם, אָבער אַז דער קאַמף פאַר פּאָליטישע פרייהייט, ווי אויך פאַרן סאָציאַליזם, קען דורכגע־פירט ווערן מיט ערפֿאָלג נאָר מ י ט ן פֿאָלק און ד ו ר כ ן פֿאָלק (אַזוי ווי די „טשאָרנאָפּערעדעלצעס“ האָבן גע'טענה'ט).

דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער געדאַנק האָט זיך אָבער גע־שטעלט העכער פון ביידע ריכטונגען און האָט ריכטיקער פון זיי פאַרשטאַנען דאָס לעבן: ניט אין דאָרף, נאָר אין שטאָט ליגן באַ־האַלטן די אמת'ע קרעפטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דעם סאָציאַליזם. ניט דער קליינבירגערלאַכער אָפּגעשטאַנענער פּויער מיט זיין קאָנסערוואַטיווער איבערגעבנהייט צו פּריוואַט־אייגנטום דאַרף זיין דער אמת'ער טרעגער פון דעם צוקונפטיקן סאָציאַליזם, נאָר דער שטאָטישער אַרבעטער, דער באַוואוסטזיניקער אינדוסט־ריעלער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קען פיל לייכטער זיך באַפרייען פון

בורזשואזע נייגונגען און אבערגלויבנס און וועלכער קען גיכער קומען צו דעם סאָציאַליסטישן גייסט.

און דעם נייעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק האָבן די ערשטע דורכגעפירט און באַגרינדעט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַקסעלראָד און פּלעכאַנאָוו. זיי ביידע האָבן יאָרן־לאַנג אָנגעפירט דעם נויטיקן ערנסטען קאַמף געגן פריערדיקע הערשנדע ריכטונגען אין דער באַוועגונג; און זייער קאַמף איז געווען, קען מען זאָגן, אַ וויכטיקע היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע זיי האָבן אויסגעפירט מיט אַ מערקווירדיקער טרייהייט, מיט אמת׳ן אידעאַליזם און מיט טאַלאַנט.

אַקסעלראָד און פּלעכאַנאָוו האָבן אויף זייערע פּלייצעס אַרויס־געטראָגן פון יענעם ביטערן קאַמף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידיי־ען אין אַ קלאָרער און פעסטער פאָרם. פּלעכאַנאָוו איז געווען מער דער באַגרינדער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע, און אַקסעלראָד — דער באַגרינדער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק, פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַמפּס־מעטאָדן, וועלכע ער האָט גרונטלאַך פאַרשטאַנען און וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט אויף אַ גלענצענדן אופן אין זיינע צאָלרייכע אַרטיקלען אין פאַר־שיידענע צייטשריפטן, זשורנאַלן און צייטונגען פון יענע יאָרן.

זיי ביידע, אַקסעלראָד און פּלעכאַנאָוו, האָבן מיט זייער טיפן געדאַנק און אומדערמידלאַכער אויפקלערונגס־אַרבעט געהאָלפן דעם מאַרקסיזם צו זיגן איבער באַקונינס אַנאַרכיסטישע אידייען, איבער די אַמאָליקע „נאַראָדניקעס“.

די אַרבעט האָט אַקסעלראָד אָנגעפירט אין אויסערגעוויינלאַך שווערע אומשטענדן: איינזאַמקייט, שווערע נויט, אָפּגעריסנקייט פון דער ווייטער היים, אַ קאַלטע פרעמדקייט אין גלות, אַ שטענ־דיק וואַנדער־לעבן, אַן אומבאַשטימטקייט פון דער צוקונפט — דאָס זיינען געווען די אומשטענדן, וועלכע האָבן פאַרפינסטערט דאָס לעבן פון אַקסעלראָדן און פון אַלע אַנדערע רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין יענער צייט.

ער האָט שטענדיק געלעבט מיט דער האָפענונג און מיט דעם גלויבן, אַז אין זיין ווייטער היים, אין רוסלאַנד, וועט ענדלאַך די רעוואָלוציע זיגן און וועט ברענגען פרייהייט צום פאַרשקלאַפטן

פאָלק. אָבער דערווייל זיינען געגאַנגען יאָרן נאָך יאָרן, גאַנצע צענדליקער יאָרן זיינען פאַריבער, אַקסעלראָד האָט איבערגע־וואַנדערט פון דייטשלאַנד קיין שווייץ, פון שווייץ געהיים קיין רוסלאַנד, פון דאָרטן ווידער קיין שווייץ, און קיין סוף צו דעם וואַנדער־לעבן האָט זיך ניט געזען. אַזוי זיינען אַוועק פינף צענדליק יאָרן אין אַן אומדערמידלאַכן קאַמף פאַר אידייען, וועלכע האָבן ניט געקענט אַזוי שנעל פאַרווירקלאַכט ווערן אין לעבן.

וויפיל קאַמפן האָט אַקסעלראָד דורכגעמאַכט פאַר דעם האַלבן יאָרהונדערט! ער האָט געקעמפט קעגן די „נאַראָדניקעס" און קעגן דעם „ליבעראַליזם", קעגן דעם אַזוי־גערופענעם „עקאָנאָמיזם" און קעגן בערנשטיינס רעפאָרמיסטישע אידייען ; ער האָט פאַרטיידיקט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן געדאַנק, דעם מאַרקסיזם, אויף אַלע פראָנטן, פון לינקס און פון רעכטס, פון וואַנען עס פלעגט זיך נאָר באַווייזן אַ געפאַר.

דאָ גרינדעט ער דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן זשורנאַל „איס־קראַ„, דאָ די „זאַריאַ", דאָ קעמפט ער היים פאַר דער אידייע פון אַן „אַרבעטער־צוזאַמענפאָר" און דאָ פאַרטיידיקט ער פון בייזע אָנפאַלן דעם „מענשעוויסטישן" געדאַנק ביי דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די גאַנצע פינף צענדליק יאָר זיינען ביי אַקסעלראָדן אַוועק אין אַ שטענדיקן קאַמף פאַר זיינע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אידייען.

דער לעצטער הייסער קאַמף, וועלכן ער האָט געפירט שוין ביז דעם אונטערגאַנג פון זיין לעבן, ביז דעם לעצטן טאָג זיינעם, איז געווען זיין קאַמף קעגן דעם באָלשעוויזם.

זיין שטעלונג צום באָלשעוויזם

דער קאַמף קעגן באָלשעוויזם האָט זיך באַ אַקסעלראָדן אָנגע־הויבן ניט די לעצטע יאָרן, נישט ערשט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, נאָר פיל פריער, נאָך מער ווי מיט אַ פאָר צענדליק יאָר צוריק, ווייל שוין דאַמאָלסט האָבן זיך אָנגעמערקט אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג די צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען — דער „מענשעוויזם" און דער „באָלשעוויזם". שוין דאַמאָלסט האָבן

זיך באַ איין טייל פון די רוסישע סאָציאַליסטן געפילט די אַמאָליקע „בלאַנקיסטישע“ ניגונגען, די אַלטע ניגונגען צו דערגרייכן „גיכע“ רעזולטאַטן דורך טעראָר, אויפשטאַנדן, דיקטאַטור א. אז. וו. און שוין דאַמאָלסט האָט אַ צווייטע טייל פון די רוסישע סאָציאַליסטן געוואָרנט קעגן דער אַלטער חלאת פון „בונטארסטוואָ“, פון וועלכער די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך אַלץ ניט געקענט אויסהיילן. שוין דאַמאָלסט האָט די צווייטע גרופּע רוסישע סאָציאַליסטן דורכגעפירט באַ יעדער געלעגנהייט דעם געדאַנק, אַז עס זיינען ניטאָ קיין גיכערע וועגן אין דער געשיכטע, ווי דער וועג פון אָרגאַניזירן די ברייטע מאַסן דורכצופירן אויף אַ פּלאַנמעסיקן אופן דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

דאָס זיינען געווען די צוויי הויפּט־ריכטונגען, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט געלעבט צוזאַמען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. געלעבט צוזאַמען, אָבער זיך ניט איינגעלעבט, שטענדיק ארומגעריסן זיך ביי יעדער געלעגנהייט.

און אַקסעלראָד איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן שטענדיק געוואָרנט וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס לויערט איבער דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער באָלשעוויסטישער ריכטונג. נאָך מיט פיל יאָרן צוריק, איידער די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם רעאַקציאָנערן אינהאַלט און כאַראַקטער פון דעם באָלשעוויזם. אין זיינע אָפּטע ארויסטרעטונגען און אין זיינע צאָלרייכע בריוו צו די נאָענטע פּאַרטיי־גענאָסן האָט ער ניט איין מאָל מיט די שאַרפסטע אויסדרוקן פאַרדאַמט די טאַקטיק פון „מאַכן רעוואָלוציעס“ פון אויבען, דורך אַ גרופּע „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן“, אָן אַן אָרגאַניזירטער מאַסן־באַוועגונג.

צום ביישפּיל, אין זיינעם אַ בריוו צו מאַרטאָוו (פון ציוריך, אין יאָר 1910) רופט ער אָן די באָלשעוויקעס מיטן נאָמען „פּאַרטייאישע שווארץ־מאה'ניקעס“; שוין אין יענע יאָרן, נאָך לאַנג איידער די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, האָט אַקסעלראָד אָנגעוויזן דעם וועג, מיט וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס וועט גיין און דאַרף גיין; און דעם וועג האָט ער ריכטיק פאָראויסגעזאָגט. ניט

אומזיסט האָט אים מאַרטאָוו אין יאָר 1906 געשריבן דאָס פאָלגנדע אין איינעם פון זיינע בריוו:

„נאָך יעדן נייעם אויסברוך פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, קומט מען פאָרט יעדן מאָל צו דעם זעלבן אויספיר, אַז אונזער געשיכטע גייט טאַקע מיט אויסערגעוויינלאַכע וועגן, אָבער ענדליך, — וואָס אָנבאַלאַנגט אונזער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס — גייט זי „לויט אַקסעלראָדן", ווי מיר זאָגן עס אַמאָל אין אַ שפּאַס, און יעדן מאָל שטעלט די געשיכטע פאַר אונז די אַלטע פראַגן, וועלכע אי ר האָט שוין פאַר אונז געשטעלט און קלאָר אויסגעדריקט."

און אַקסעלראָד האָט פאָראויסגעזען די מעגלאַכקייט, אַז צייט־ווייליק קען זיגן אַ קליינבירגערלאַכער כלומר'שט רעוואָלוציאָנערער „רוסישער סאָציאַליזם" איבער דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. ער האָט אָבער אויך פאָראויסגעזאָגט דעם אומפאַרמיידלאַכן ענדלאַכן זיג פון דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם איבער דיקטאַטור.

נאָך מיט אַ 25 יאָר צוריק, ווען די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך צעטיילט אויף „באָלשעוויקעס" און „מענשעוויקעס" (צוליב אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי), האָט אַקסעלראָד פאַרשטאַנען, אַז לענין שטרעבט צו אַ דיקטאַטור איבער דעם אַרבעטער־קלאַס און ניט פון דעם אַרבעטער־קלאַס. ער האָט שוין פון דאַמאָלסט אָן גענומען קעמפן קעגן דעם „לעניניסטישן" גייסט אין דער פּאַרטיי, און האָט דעם קאַמף ניט אויפגעגעבן די גאַנצע צייט, זייענדיק אין דעם „לעניניזם" די גרעסטע געפאַר פאַר דער באַוועגונג. לענין האָט זיך באַצויגן מיט אַכטונג צו אַקסעלראָדן, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר זיין לערער, פאַר זיין וועגווייזער, אָבער אַקסעלראָד האָט אין לענינען די גאַנצע צייט געזען אַ געפערלאַכן תלמיד, וועלכער גייט אויף אַ „שלעכטן וועג" . . .

קיין שלום מיט דעם „באָלשעוויזם" האָט אַקסעלראָד ניט געקענט מאַכן, ווייל ער האָט אין דעם „באָלשעוויזם" געזען אַ געפערלאַכן שונא פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע:

„די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע", שרייבט ער אין איינעם פון זיינע לעצטע אַרטיקלען, „איז געווען בלויז אַ מיליטערישער אויפשטאַנד. דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד ניט קעגן דער

רעאקציע, ווי אין דער פּאַריזער קאָמונע, נאָר געגן דער ס אָ צ י אַ ־ ל י ס ט י ש ע ר ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע , וועלכע האָט פאַרדאַמט די פּלענער און מעטאָדן פון די באָלשעוויקעס."

דעריבער, שרייבט ער, איז „די באָלשעוויסטישע איבערקע־רעניש געווען בלויז אַ ריזיקער פאַרברעכן."

זייער אָפט האָט מען ליב צו פאַרגלייכן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע מיט דער פראַנצויזישער. אַקסעלראָד פלעגט באַ יעדער געלעגנהייט אָנווייזן, אַז דער פאַרגלייך איז גאָר ניט צו גונסטן פון דעם „באָלשעוויזם".

אין זיין בריוו צו דעם באַוואוסטן דענישן סאָציאַליסט סטאָנינג שרייבט אַקסעלראָד דאָס פאָלגנדע וועגן אַזאַ מין פאַרגלייך:

„די באָלשעוויסטישע הערשאַפט ווערט טיילמאָל פאַרגליכן מיט דער הערשאַפט פון די יאַקאָבינער פון דער גרויסער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע, אָבער צווישן זיי איז ניטאָ מער ענלאַכקייט, ווי צווישן אַ קאַריקאַטור און איר אָריגינאַל . . . די באָלשעוויסטישע דיקאַטור איז אַן אַוואַנטוריסטישע און אַ העכסט טראַגישע פּאַראָדיע אויף די יאַקאָבינער אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דורך די דורכאויס קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון הערשן און פאַר־וואַלטן באַשאַפט דער סאָוועט־רעזשים גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דעם זיג פון אַ בורזשואַזער קאָנטר־רעוואָלוציע."

אַזוי האָט אַקסעלראָד געקוקט אויף דעם „באָלשעוויזם", און דעריבער האָט ער געהאַלטן, אַז ס'איז נויטיק „די מאָראַלע און פּאָליטישע אַריינמישונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע אין די אינערלאַכע אנגעלעגנהייטן פון רוסאַלנד."

„דאָס וואָלט," שרייבט ער, „געבראַכט דערצו, אַז די רוסישע דעמאָקראַטישע מאַסן וואָלטן דורך זייערע אייגענע אָנשטרענגונגען און מיט דער הילף פון אויסלענדישע ברידערלאַכע פּאַרטייען דער־לייזט געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט, אָן דער אַריינ־מישונג פון אויסלענדישע מלוכות."

אים איז אָבער ניט אויסגעקומען צו דערגרייכן זיין ציל. זיין רוף צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג איז געבליבן

אַן אַן אָפּקלאַנג, און מיט ווייטיק האָט ער צוגעזען, ווי „פּיל איירא־פּייאישע סאָציאַליסטן לויבן נאָך די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור, גלויבנדיק, אַז זי דריקט אויס דעם ווילן פון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס און אַז זי פירט איין סאָציאַליזם.״

אַזאַ שטעלונג צום באָלשעוויזם פון אייניקע סאָציאַליסטן האָט די לעצטע יאָרן פאַרשאַפט אַקסעלראָדן טיפע לײדן.

דער טראַגישער שלום

אין אַלגעמיין איז זיין לעבן ניט געווען פול מיט פרייד און גליק. אין די קינדער־יאָרן האָט ער זיך אָנגעליטן דחקות און צרות; אין זיין יוגנט איז אים אויסגעקומען ביטער צו קעמפן פאַר יעדן שריט פאָרווערטס, פאַר יעדע דערגרייכונג זיינע; אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן האָט ער אַרומגעוואַנדערט נע־ונד אין דער פרעמד, ליידנדיק פון נויט און בענקשאַפט. זיין גאַנצער לעבן איז געווען פול מיט קאַמף. דער קאַמף איז געווען זיין געטרייער באַגלייטער פון זיין שטעטל אין מאָהליעווער גובערניע ביז דער ווייטער שווייץ, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן.

שווער איז געווען זיין לעבן, אָבער נאָך שווערער איז געווען דער שלום פון זיין לעבן — דער לעצטער צענדליק יאָר. מער ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָרן זיין לעבנס־פריינד, זיין פרוי (דר. קאַמינערס טאָכטער), און ער איז צו דער עלטער פאַר־בליבן איינזאַם.

צו די אַנטוישונגען פון די לעצטע יאָרן, צו די פּאָליטישע ני־דערלאַגעס און צו דער גייסטיקער איינזאַמקייט, וואָס אַקסעלראָד האָט איבערגעלעבט, איז נאָך צוגעקומען דער אָפּטער און אומגעבע־טענער גאַסט פון דער עלטער — ק ר אַ נ ק ה י י ט ן. עטלאַכע יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געווען קראַנק, און מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָט ער דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע. נויט, לאַנגווייליקער לעבן אין אַ סאַנאַטאָריום, פיזישע און גייסטיקע ליידן — דאָס איז אויס־געפאַלן אויף דעם גורל פון דעם וועטעראַן פון דער רוסישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע צו זיין טיפער עלטער.

ער האָט אָבער ווי פריער נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון פּאַסי־רונגען איבער דער וועלט מיט אַ וואַכזאַמען און ווייטן בליק פון אַ

געטרייען ארבעטער־פירער. ווי פריער פלעגט ער נאָך פון צייט צו צייט זיך אַ כאַפּ טאָן פאַר זיין געווער, פאַר דער פען, צו פאַרטיי־דיקן זיינע אידייען, וועלכע ער האָט אויסגעטראָגן און דורכגעטראָגן אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן אין פאַרשיידענע קאמפן. אָבער שרעקלאַכע קאָפּשמערצן פלעגן ארויסרייסן די פען פון זיין ציטער־דיקער האַנט.

דער אַלטער קעמפער האָט ביזן סוף פאַרמאָגט די מערקווירדיקע קלאָרקייט פון געדאַנק, דעם אָדלערישן קוק פון אַ ווייטזעענדיקן פירער, אָבער די קרעפטן זיינען שוין געווען צו שוואַך ער זאָל קענען ווי פריער דינען דער באַוועגונג, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן לעבן.

בא זיין גאַנצער אויסערגעוויינלאַכער באַשיידענהייט האָט אַקסעלראָד דאָך פאַרנומען איינע פון די ערשטע פלעצער אין די פאָדערשטע רייען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. ער איז געווען אַ פירער מיט ברייטע בליקן. „אין דעם גאַנצן אינ־טערנאַציאָנאַל,“ שרייבט וועגן אים קאַוטסקי, „איז ניטאָ קיין איינער, וועלכע זאָל מער פון אַקסעלראָדן זיין פריי פון אַן ענגן קלייזלדיקן גייסט.“

ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ האַלבן יאָרהונדערט פון דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג; דער אידעאַליסטישער, העלדישער גייסט פון דער באַוועגונג האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט אין זיין אינטערעסאַנטן, דראַמאַטישן לעבן און אין זיין מערקווירדיקער, ריינער פּערזענלאַכקייט.

דער 16־טער אפּריל פון יאָר 1928, דער טאָג פון זיין טויט, איז אַן אמת'ער טרויער־טאָג פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבע־טער־באַוועגונג נאָך איר גרויסן פירער.

ווערט א שטענדיגער סובסקרייבער פון

„וועקער"

„אין וועקער" געפינט איהר יעדע וואך אן אויס־פיהרליכען איבערבליק איבער דער סאָציאַליסטישער און טרייד־יוניאָניסטישער באוועגונג אין דער גאַנצער וועלט.

„אין וועקער" באטייליגען זיך אלס שטענדיגע מיטארבייטער די בעסטע סאָ־ציאַליסטישע שריפטשטעלער פון אייראָפא און אמעריקא. שרייבט אויפ'ן אדרעס פון רעדאקציע:

דער „וועקער", 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק

---

28 בענדער

פון דעם גרויסען אידישען שרייבער און הומאָריסט

שלום־עליכם

פראַכטפול געבונדען, פאר זעהר א מעסיגען פרייז.

4 בענדער

פון

דזשעק לאָנדאָן

דער גרויסער אמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער שרייבער. די 4 בענדער ענטהאלטען די בעסטע זאכען וואָס דזשעק לאָנדאָן האָט געשריבען.

פראַכטפול געבונדען.

שרייבט נאָך אינפאָרמאציע צום

פארלאג „וועקער", 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק.